אויף תיכף ארויסצוגעבן: 10/11/2024 גאווערנער קעטי האקול

**גאווארנער האקול מעלדט אויף צייט פארענדיגונג פון 21 מיליאן דאלאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט אויף די NYS טרו-וועי אין אולסטער און גרין קאונטיס**

***פראיעקט האט ארייננגענומען פולע-טיפקייט פאררירכטונגע און איבערפלאסטערונג אויף מער ווי 60 ליניע מייל פון I-87***

***זיכערהייט פארבעסערונגען האבן ארייננגענומען נייע גייד-רעיל, נייע רעפלעקטיווע שטרייך אנצייכענונג און אפלויף פארבעסערונגען***

***פראיעקט איז פארענדיגט אונטער די בודשעט און איז א טייל פון מער ווי 451 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונגען וואס איז באשטימט פאר די NYS טרו-וועי סיסטעם אין 2024***

גאווערנאר קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס אויף-צייט און אונטער בודשעט פארענדיגונג פון א 21.3 מיליאן דאלאר אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקט אויף די ניו יארק סטעיט טרו-וועי(I-87) אין אולסטער און גרין קאונטיס. די פראיעקט האט ארייננגענומען פולע און טיילווייזע טיפקייט פאררירכטונגען, צוזאמען מיט פעיוומענט איוספלאסטערונג אויף א 15.5-מייל טייל פון I-87 פון פיילפאסט 93.8 ביז מיילפאסט 109.3, צווישן עקזיט 19 (קינגסטאן - NY רוט 29 - קינגסטאן-ריינקליף ברידש) און עקזיט 21 (קעטסקיל - קיירא - NY רוט 23). אומגעפער 40,000 דרייווערס נוצן דעם שטרעקע פון I-87 איןביידע ריכטונגען יעדן טאג. די פראיעקט איז טייל פון מער ווי 451 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל אינוועסטירונגען באשטימט פאר די טרו-וועי סיסטעם אין 2024.

"ניו יארק איז איבערגעגעבן צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור פראיעקטן אנצוהאלטן א שטאנדהאפטיגע און פארלעסליכע טראנספארטאציע סיסטעם וואס פארבינדט קאמיוניטיס און שטיצט אונזער לאקאלע עקאנאמיעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פאררירכטונגען און איוספלאסטערונגען אלס טייל פון די פראיעקט וועט פארבעסערן ריידעבילטי אויף א פארנומענע אפטיילונג אויף די טרו-וועי אין די הודסאן וועלי און פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן."

די פראיעקט האט ארייננגערעכנט פולע און טיילווייזע טיפקייט פעיוומענט פאררירכטונגען נוצנדיג 48,431 טאן פון די לעצטע שיכט געלייגטע אספאלט, ווי אויך שאולדער פאררירכטונג אין איזאלירטע לאקאציעס. א מיל און ארייינלייגונג איז אויך דורכגעפירט געווארן אין די פארקינג פלאץ וואס געפינט זיך ביי מיילפאסט 103.1, פיול ערטער ביי די מאלדען סערוויס געגנט ווי אויך די אן און אף רעמפס, ארייננרעכענענדיג שאולדערס, ביי עקזיט 20 (סאגערטיס - וואודסטאק - NY רוט 32). נאך ארבעט האט ארייננגערעכנט דאס טויש די פלאץ פון א U-טורן ביי מיילפאסט 98.0 און זיכערהייט פארבעסערונגען אזויווי נייע גייד-רעיל, נייע רעפלעקטיווע ליניע אנצייכענונג, און פארבעסערונגען צו אפלויף און קולווערטס.

Callanan Industries, Inc. פון אלבאני, ניו יארק איז געווען די קאנטראקער פאר די פראיעקט.

**טרו-וועי אטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פראנק דשי. האור האט געזאגט,** "די דורכגאנג פון I-87 ווערט גענוצט דורך טויזנטער רייזנדער טעגליך פארבינדנדיג זיי פון די קאפיטאל ראיאן צו די לאוער הודסאן וועלי. די פארבעסערונגען וועלן פארלענגערן די לעבן פון די גאס און אנהאלטן א זיכערע און פארלעסליכע טראנספארטאציע סיסטעם."

**סענאטאר מישעל הינטשי אט געזאגט,** "האלטן אונזער טרו-וועי אין בעסטע פארם מיינט זיכערע, מער פארזיכערטע רייזעס פאר די טויזנטער מענטשן וואס פארלאזן זיך טעגליך דערויף. די פארבעסערונגען אויף I-87 וועלן אויסגעטוישט ווערן צו גלאטערע רייזעס און א גרויסע קוואליטעט פון לעבנס שטיצע, ספעציעל פאר אונזערע שכנים אין גרין אולסטער קאוניס. איך דאנק גאווארנער האקול און טרו-וועי אטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר האור פארן פאראויסרוקן די פארבעסערונגען וואס וועלןמאכן אונזערע גאסן מער פארזיכערט פאר אלעמען."

**אולסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דשען מעצגער האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן צו זען די גרויסע פארבעסערונגען און צוגעבונגען צו די סטרעטש פון I-87 ביז אולסטער קאונטי, און איך וויל דאנקען גאווארנער האקול פארן פארזיכערן די 21.3 מיליאן דאלאר וואס איז נויטיג אונטערצונעמען די קריטישע ארבעט. "מיט ארום 40,000 רייזנדע אויף די סטרעטש פון די טרו-וועי יעדן טאג, איז א גוט-פארזארגטע אינטערסטעיט וועג וויכטיג צו די זיכערהייט פון רייזנדע און געבט אויך וויכטיג צו א בליענדע טוריזם אינדוסטרי און עקאנאמיע אין אונזער לאנד און ראיאן."

**גרין קאונטי לעגיסלאטור טשעירמאן פאטריק לינגער האט געזאגט,** "גרין קאונטי איז זייער דאנקבאר און אנערקענט די סטעיט'ס אינוועסטירונג צו פארזארגן און פארבעסערן די וויכטיגסטע טראנספארטאציע דורכגאנג אין אונזער ראיאן. מיר דאנקען און לויבן אויס גאווערנער האקול פארן שטעלן ערשט די זיכערקייט פון אונזער רייזנדע פאבליק מיט די פארבעסערונגען.״

**איבער די טרו-וועי אויטאריטעט**
די גאווערנאר טאמאס אי. דיווי טרו-וועי ,געבויט אין די פריע 1950 יארן, איז איינע פון די עלטסטע באשטאנדטיילן פון די נאציאנאלע אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם און איינע פון די לענגסטע טאל ראודס אין די לאנד. די אנהאלטונג און אפעראציע פון די טרו-וועי סיסטעם איז בעיקר פינאנצירט דורך טאלס. די טרו-וועי אטאריטעט באקומט נישט קיין באשטימטע פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע טעקס געלטער און ווערט באצאלט דורך די וואס פארן אויפן טרו-וועי אריינרעכענענדיג א דריטל פון דרייווערס פון אינדרויסן פון סטעיט.

די אויטאריטעט'ס באשטעטיגטע 2024 בודזשעט אינוועסטירט א סך הכל פון 451 מיליאן דאלער צו שטיצן זייער קאפיטעל פראגראם, וואס איז ערווארטעט צו אינוועסטירן 2.4 ביליאן דאלער אין קאפיטעל פראיעקטן איבער די קומענדיגע פינף יאר - א 500 מיליאן דאלערדיגע העכערונג נאכפאלגנדיג די טאל פארבעסערונגען וואס איז איינגעפירט געווארן אין יאנואר 2024. די העכערע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעטן אויף אומגעפער האלב פון די טרו-וועי'ס איבער 2,800 לעין מייל ווי אויך פראיעקטן אויף אומגעפער 90 פון די טרו-וועי'ס 817 בריקן.

די טרו-וועי איז פאררעכנט צו זיין איינס פון די זיכערסטע שאסייען אין די לאנד מיט א פאטאליטעט ראט פיל נידריגער ווי די אינדעקס פון לאנד, און טאל ראטעס זענען צווישן די נידריגסטע אין לאנד אין פארגלייך צו ענליכע טאל ראודס. די טרו-וועי'ס סטאנדארטיגע טאל ראטע פאר פאסאנזשיר קארן איז וויניגער פון $0.05 פער מייל, אין פארגלייך צו די אהייאו טוירנפייק ($0.06 פער מייל), די ניו דזשערסי טוירנפייק ($0.11 און $0.31 פער מייל) און די פענסילווענישע טוירנפייק ($0.14 פער מייל).

כדי צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אינפארמאציע, ווערן דרייווערס געמוטיגט צו דאונלאודען די מאבייל עפפ וואס מען קען דאונלאוד'ען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. די עפ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרוועי אויטאריטעט'ס אינטעראקטיווע רייזנדע מאפע וואס פארמאגט לייוו טראפיק קאמערעס. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען TRANSalert אימעילס, וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס די טרו-וועי.

פאר מער אינפארמאציע, פאלגט נאך די טרו-וועי אויף פעיסבוק, X און אינסטעגרעם, אדער באזוכט אונזער וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן